ה ז א ת  ב ע מ י  |האזוים נאמי|? - טייטש: און דאס איז נעמי?

(לויט רות, א - ט, ווי פריער איז זי געווען יונג און

שיין און איצט אלט און קראנק) פראַגע געזאגט איך טאן

פון אנטוישונג, ווען מ'האט זיך גערעכט אויף עמעצן/עפעס,

וואס איז שיין, גוט און במקום דעם באוויייזט זיך עמעת/עפעס,

וואס איז ניט אזוי ניחא.

% הזאת נעמי?דאס איז דער גרויסער רעדנער, וואס איר האט אים

אזוי גערימט?

ה ז ד וו ג ו ת |היזדאָווגעס| - די/דאס, בא. (לל)

באהעפטונג (ס׳רוב וועגן געשלעכטלעכער באציונג).

... " |...| דאס קאן מען נאר דערגרייכן דורך ר״י אהבה און הזדווגות |...|".

אפּאטאשו, " אין פּוילישע וועלדער".

ה ז ד מ נ ו ת |היזדאמנעס| - די/דאס, =ן. (לל) געלעגנהייט, פופאל, פאסיקער מאמענט.

% ניט אלע האבן געהאט דאס **הזדמנות** צו זען דעם רבין.

ה ז ה ר |היזאהער| - טייטש. זיי געווארנט.

קומט אין די פראזן:

0 הזהר/ והזהר/ היזהר וישמר |ויעישאמער| - זיי געווארנט

און היט זיך! זאלסט זיך ניט דערוועגן (דאס צו טאן)!

% הזהר והזהר, זאלסט זיך ארויסכאפן מיט א ווארט, קיינער

טאר דאס ניט וויסן!

הזהר וישמר זיך צו פארטשעפן מיט אים, ס'קאן דיר טייער קאסטן!

1916 "הזהר וישמר - טאמער וועט מען זיך דערוועגן עמעצער

צוצורירן זיך צו א קארט |...|".

שלום=עליכם, "פונעם יאריד".

הזהרו בבני עניים |היזאהרו ביווניי אניים| - היט זיך

פאר ארעמע קינדער; פון מאמר (נדרים, פ"א): הזהרו בבני עניים

שמהן תצא תורה.

..................................................

רעד:(געמיינט: ניט באליידיקן, ניט באעוולהן)

ה ז ה ר ה |האזהארע| - די, =ות דזוו אזהרה.

## ה ז ו ר ע י ם   ב ד מ ע ה   ב ר י נ ה   י ק צ ו ר ו

|האזוירים בעדימא בערינא ייקצוירו| – <u>טייטש</u>:

די וואס זייען מיט טרערן וועלן שניידן מיט געזאנג,

שפּריכווארט (<u>לויט תהילים קכ"ו – ה</u>); דער מיין:

דער וואס ארבעט שווער וועט האבן פארגעניגן, ווען ער וועט

זען די פרוכט פון זיין ארבעט.

ה ז כ ר ה |האזקארע| - די, =ות. דזוו אזכרה.

ה ז כ ר ת = נ ש מ ו ת |האזקארעס =נעשאמעס| -

דזוו אזכרת=נשמות.

ה ז מ י ר |האזאמיר| - דער, בא. נאמען פון א יידישן געזאנג=

פאראיין (איינער פון די באקאנטסטע איז אויפגעקומען אין

ווארשע נאך פאר דער ערשטער וועלט=מלחמה. אין אים איז

אויך געווען טעטיק י.ל. פרץ)

1966 " |...| נאכן ערשטן אוונט |...| א צווייטער,ביידע

אראנזשירט פונעם ליטעראריש=מוזיקאלישן פאראיין ׳הזמיר׳".

בערקאוויטש, 1.

(?נ?) || ה ז מ י ר ע ץ |האזאמירעץ| - דער, מצ הזאמירצעס.
מיטגליד/זינגער פון פאריין "הזמיר".

1966 " |...| האט פרץ אנגעשטעלט די הזמירצעס, אז דאס איז
פאר זיי א באלײדיקונג |...|".
בערקאוויטש, 1.

ה ז מ נ ה |האזמאנע| - די, =ות. (לל).

1. פארבעטונג (צו אן אסיפה, א שימחה אד"גל).

2. (ספעצ) דאס געריבענע רופצעטל צו שטעלן זיך פאר א בית=דין צו א מישפט.

% דער בית=דין=שמש צעטראגט די הזמנות.

ה ז ק |העזעק| - ----> <u>היזק</u>.

13. ה-

ה ח ב ר - <----- חבר.

ה ח ו ז ה - ---> **חוזה.**

ה ח ו נ ה |האכוינע| - <u>טייטש:</u> דער וואס לאגערט, רוט.(<u>לל</u>)

א נוסח=ווארט נאך דער חתימה פון א רב אויף א דאקומענט

אנצווווייזן זיין וווינארט.

% הרב ... <u>הונה</u> פה קהילת ירושלים.

(?נ?) ה ח ו ש ד ב כ ש ר י ם ל ו ק ה ב ג ו פ ו

|האכוישעד ביקשארים לויקע בעגופוי|- געמיינט דער וואס וואַרפט א חשד אויף אן אומשולדיקן, וועט דער חשד פאלן אויף אים אליין |לויטן מאמר חז"ל , שבת צז|.

ה ח ז ק ה |האכזאגע| - די, בא. (לל) דאס אויסהאלטן
(א פאמיליע, אן אינסטיטוציע).

1890 "|...| און אז די החזקה פונעם קאנטאר קאסט שוין
553 יא 2992 |רובל| א יאר, האט מען געדארפט ניט זשאלעווען
נאך עטלעכע רובל |...| ".
פער 74, נ' 2, ז' 11.

1925 " פאר זיין ישיבה פלעגט ער יאר=יערלעך שיקן משולחים
554 איבער דער מדינה כדי צו זאמלען |אויף| החזקה ביי די
דייטשע קהילות".
איבז. י. שפירא, 1, 143.

# ה ח י י ם ו ה מ ו ת ב י ד ה ל ש ו ן

|האכאים ועהאמאוועס בעיאד האלאשן| - דאס לעבן און טויט
איז אין דער צונג. (שוו לויט משלי יח - כ"א), געמיינט,
אז דעם מענטשנס רייד קענען קעגען אים טאן גוטס און שלעכטס.

(?נ?) ה ח כ ם ע י נ י ו ב ר א ש ו |העכאכאם איינאוו בערוישוי| -

טייטש: דער קלוגער האט זיינע אויגן אין קאפ; שוו, געמיינט:
אז א קלוגער מענטש זעט (דארף זען) פון פארויס די רעזולטאטן
פון זיינע מעשים (לויט קהלת, ב - יד).

1848 " אין קהלת שטייט: החכם עיניו בראשו - דער חכם האט
זיינע אויגין צום אנהייב, דער מיט מיינט ער, ער קוקט 559
אין דעם אנהייב פון זיינע זאכין".
חובות הלבבות, 3, 235.

ה ח ל ו ץ |האכאלוץ| – דער, בא. נאמען פון ציוניסטיש=
סאציאליסטישן יוגנט=פארבאנד, אויפגעקומען אין 1921.

1951 " אויך איינצלנע חלוצים, פון שטעטלעך,ווו• קיין סניף
561 החלוץ איז ניטא, זיינען געקומען".
נ.י. גאטליב, פער 106, 1397.

ה ח ל ט |העכלעט| - דער, =ים. (לל) באשלוס, דעציזיע
אויספיר, מסקנה.

1957 " דורך דעם טיפן אריינטראכט אין דעם ענין, קומט מען
567 צו צו דעם החלט, אז |...| מהות איז דער נפש פון געפיל".
איבז אנ, ליקוטי דיבורים, ז' 156.

0 החלט גמור | ~ גאמור| - ענדיגילטיקער באשלוס, אויספיר.
1957 " דארטן |אין תפיסה| איז דאס ארט, ווי דער מענטש
568 קען |...| צונעמען בשימחה די יסורים|...| און באשליסן
בהחלט גמור |...| ווי זיין עתיד זאל זיין".
דצוו, דף צ"ו.

ה ח י ל ו ת ל נ פ ו ל ! נ פ ו ל ת י פ ו ל

|האכילויסא לינפויל, נאפויל טיפויל| - טייטש:

האסטו אנגעהויבן פאלן וועסטו (שוין) פאלן - ווערטל,געמיינט:

האסטו שוין אנגעהויבן (צו טאן עפעס), טא ענדיק שוין,

זיי זשע ממשיך (לויט מגילת אסתר, ו׳ - י"ג).

1900 " |...| נאר וואס דען? החילות לנפול, נפול תיפול -

איר האט שוין אנגעהויבן גיסן, גיסט זשע נאך א ביסל".

שלום=עליכם, "דער פארכישופטער שניידער".

ה ח ל ט ה |האכלאטע| – די, =ות. (לל) באשלוס, דעציזיע,
באשטימונג.

% די אסיפה האט אנגענומען א החלטה צו פארריכטן דעם דאך
פון בית=מדרש.

1922 " קיין החלטה איז ניט גילטיק, ווען זי איז ניט
אנגענומען געווארן מיט א מערהייט שטימען |...|". 574
ב. האלפערן, 1, 48.

1953 " די אנטשלאסנקייט צו שטארבן (דעם זעלבסטמערדערס החלטה)
איז ניט זעלטן געפארט מיט דער האפענונג, אז עפעס 570
וועט פאסירן און די החלטה וועט ניט צו שטאנד קומען".
גרינבערג, 1, 99.

ה ח ת ו ם  מ ט ה |העכאטום מאטא| - דער אונטן אונטערגעשריבענער -

שאדיציאנערער נוסח אין דאקומענטן.

% החתום מטה איז זיך מתחייב צו באצאלן שכר=דירה ק"ן

קערבלעך א יאר.

(?ב?) ה ט א כ ע ס ו ה ט ו י ע ר ל ח י י ע ו ל מ י ם -

|וואר: ווי א טויער| - (שלש) "עם=הארצישע פארקריפלונג
פון דעם טעקסט "הטכס והטוהר לחי עולמים
|האטעקעס ועהאטויהאר לעכאי אוילאמים| פון א תפילה".
לויט אן אנדער "אינפארמאנט איז דאס"א שפאטווערטל פון אן
אפקורס, א געוועזענעם ישיבה=בחור, אויף א יידענע מיט
א ברייטן הינטן".

ה ט ב ה |האטאווע| - די, =ות. (לל).

1. פארבעסערונג, אויסבעסערונג, אין דער מוסר=באוועגונג - דאס אויסבעסערן זיך (מאראליש).

1957 " |...| ער ארבעט אויף איבערברעכן זיך, אויף פעולות אין הטבה"ץ 584

2. פארגיטיקונג, קאמפענסאציע.

% פאר זיין טירחה האט ער געקריגן א פיינע הטבה.

0 הטבת=חולום |האטאוואס=כאלעם| - די, בא.

די פארגיטיקונג פון א חלום - דער איבער=גלויבן, אז מע קאן אויסטייטשן צום גוטן און צו נישט מאכן א בייזן חלום דורך א געווויסער פראצעדור. איין פון זיי: דער וואס האט געהאט דעם שלעכטן חלום האט פאררופן דריי פון זיינע גוטע פריינד און זיי האבן צוזאמען געמאכט מיטן חולם די הטבת=חלום זאגנדיק געוויסע שפרוכן און פסוקים (די טעקסטן פלעגן זיין אין געוויסע סידורים).

1866 " |...| און אין וואס באשטייט זייער חסידות?|...|

586 דא א יארצייט, דא א יולדת,|...| אדער ביי הטבת=חלום,

|...| א תיקונדל פון אן אורח |...|".

פער 177, נ׳ 40, ז׳ 611.

ה ט ו ב ו מ ט י ב |האטאוו אומייטיוו| - דער, בא. (לל)

דער וואס טוט גוטס, געמיינט גאט (פון ברכת המזון).

1863 " ווען די ביידערליי וויינען זיינען פאר זיי דא בשעת

590 זיי זעצן זיך טרינקען, |...| אבער מען ווייסט ניט וועלכער

עס איז בעסער מאכט מען איבער איינעם בורא פרי הגפן און [illegible]

איבער דעם אנדערן הטוב והמטיב".

דאנציג, 1, דף מה.

1949 " |...| ווײ אויף די פארלארענע! הטוב ומטיב וועט

588 רחמנות האבן, אנדערע וועלן קומען |...|".

פינסקי, 7, 126.

(?נ?) ה ט מ נ ה |האטמאנע| - <u>די, בא.</u> (<u>לל</u>).

1. דאס באהאלטן, פארבארגן, אפט אין סמיכה=פארעם:<u>הטמנת</u>=...
|האטמאנאס=...|.

1957 " דעם גאנצן משך=הזמן ביז נאך ביעור=חמץ איז אלץ
געווען פארנומען מיט |...| הוראות פון סילוקי=חמץ 593
<u>והטמנת</u>=כלים החמוצים".
<u>איבז אנ, ליקוטי דיבורים, דף קל"ד</u>.

2. (<u>ספעצ</u>) דאס האלטן ווארעם א געקעכטס (טשאלנט א"א).
פון ערב שבת אויף שבת.

|אהנייב X!X| " גם קערין צו ווישין צו |=די| וואש פר
רוקין טשאלינט אז זיי זאלין השגחה געבן אז דו טעפ
זאלין נישט אן רורין |=רירן| אן דעם אובין אפילו
אן דעם טשאלינט ברעטיל זאלין דו טעפ נישט אן רורין כדי
עש זול נישט היישין <u>הטמנה"</u>.
<u>ס' שולחן ערוך, חלק ראשון, דף ז</u>.

ה ט פ ה | האטאפע | - די, =ות. (לל) דאס פרעדיקן.

% דער מגיד פארנעמט זיך מיט הטפה שוין כמה יארן.

ה ט פ ה |האַטאפּע| - די, =ן. (לל).

1. דאס באהאלטן, פארבארגן, אפּט אין ס